RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

FREE RENDITION

By the Grace of G-d
In the Days of Sefirah,
5728. Brooklyn, N.Y.

To the 13th Annual Convention of
Nshei uBnos Chabad

Blessing and Greeting:

The Annual Convention is taking place this year in the auspicious days connected with Shabbos Mevorchim Chodesh Sivan, the Third Month, the month of Mattan Torah.

The Torah tells us that on Rosh Chodesh Sivan the Jewish people finally reached Mount Sinai, where they attained a state of complete unity, as indicated in the words, "And Israel encamped there" (in the singular person) - all of them as one, united and unified by the singular thought of receiving the Torah and Mitzvos.

The significance of that moment is pointed out by our Sages of blessed memory, declaring that the unification of the Jewish people was the condition for receiving the Torah.

It has been often emphasized that there are crucial moments in the life of our people, especially in the area of Torah and Yiddishkeit, where the Jewish woman plays a most important role. One of such areas is the unity of the family. Here the woman holds the main keys of harmony between the parents and the children, the parents vis-a-vis each other, and the children in relation to one another. In this area the wife and mother clearly has a decisive role, and in most cases even a more decisive role than the husband and father. This is one of the reasons why the Jewish woman bears the title of Akeres Habayis (Foundation of the Home).

It is likewise clear that Jewish unity in a broader sense - unity between one family and another, and unity on a national level - is dependent upon harmony within the family unit. Where harmony is lacking, G-d forbid, within the family, surely no harmony can prevail between such a family and another.

However, even where there is complete harmony within family groups, there still remains the problem of achieving unity on the national level. Let us therefore remember that the basis for true Jewish unity is the Torah and Mitzvos.

If throughout the ages it has been no easy task to achieve unity, the problem has become much more complicated, age of "freedom" in the "free" countries of the world, where people are no longer restricted in their choice of domicile, occupation, educational facilities, free expression of opinions, ideas, etc.

All these diversities and dispersions - geographic, social, cultural, etc. - are "by-products" of the contemporary "free" society in which we live. The newly created conditions have created new problems and difficulties, which, however, must be viewed as challenges. With the proper approach and a determined will, they can be resolved.

I trust that this year's Convention of the Nshei uBnos Chabad will devote the necessary attention to the said problems and their solution, without underestimating the manifold obligations and far-reaching capacities of Jewish womanhood in general, and of Nshei uBnos Chabad in particular. For, this thing is certain: The obligations placed by the Hashgocho Elyono (Divine Providence) never exceed the capacities and opportúnities provided by the same Hashgocho Elyono, thus assuring their implementation in actual life.

The main thing is that the Convention should result in expanded and intensified activities, for the essential thing is the deed. And may G-d help you in your work to attain the fullest measure of accomplishment, in joy and gladness of heart.

With blessing for Hatzlocho
and good tidings, both spiritually
and materially,

/Signed/ Menachem Schneerson

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב״ה, אין די טעג פון ספירה, ה׳תשכ״ח
ברוקלין, נ.י.

צו דער דרייצנטער יערלעכער קאנווענשאן
פון נשי ובנות חב״ד
ה׳ עליהן תחיינה

ברכה ושלום:

די יערלעכע קאנווענשאן קומט היי-יאר פאר אין די סגולה-טעג וועלכע זיינען פארבונדן מיט שבת מברכים חודש סיון, חודש השלישי, דער חודש פון מתן-תורה.

די תורה דערציילט אונז, אז ראש-חודש סיון זיינען די אידן געקומען צום בארג סיני און האבן דאן דערגרייכט די מדריגה פון אחדות (איינקייט), ווי דאס ווערט אנגעדייטעט אין די ווערטער ויחן שם ישראל (לשון יחיד) – דאס אידיש פאלק האט דארט גערוט – אלע ווי איינער, פאראייניגט און פאר-איינציגט דורך דעם געדאנק פון מקבל צו זיין די תורה און מצוות.

ווי וויכטיג דער דאזיגער מאמענט איז געווען, איז קלאר פון דעם מאמר חכמינו ז״ל, אז די פאראייניגונג פונם אידישן פאלק איז געווען די סיבה פאר מתן-תורה.

עס איז מערערע מאל אונטערגעשטראכן געווארן, אז עס זיינען פאראן לעבנסוויכטיגע מאמענטן פאר כלל ישראל, ספעציעל ענינים פון תורה און אידישקייט, וואו די פרוי פארנעמט א גאר וויכטיגען ארט. איינער פון זיי איז דער ענין פון אחדות אין דער משפחה, וואס בא דער פרוי געפינען זיך די הויפט-שליסלען פון אחדות צווישן די עלטערן און קינדער, די עלטערן צווישן זיך, און די קינדער צווישן זיך. אויף דעם דאזיגען געביט, ווי מ׳זעט באשיינפערלעך, האט די פרוי און מוטער צו זאגן גאר א סך, און אין די מייסטע פאלן נאך מערער ווי דער מאן און פאטער. דאס איז איינער פון די טעמים פארוואס די פרוי ווערט אנגרופן ״עקרת הבית״.

עס איז אויך קלאר, אז דער ענין פון אחדות בא אידן אין א ברייטערן פארנעם – אחדות פון איין משפחה מיט א צווייטער, און אחדות פון גאנצן פאלק ישראל בכלל – איז אפהענגיק פון דער אחדות אין דער משפחה. וואו עס פעלט חלילה אחדות אין א משפחה, איז דאך ניט צו ערווארטן אחדות צווישן דער משפחה און א צווייטער.

אבער אפילו ווען די אחדות אין דער משפחה איז אויפן בעסטן אופן, בלייבט נאך אלץ די פראבלעם פון אחדות צווישן אידן בכלל, וואס דער יסוד פון אמת׳ע אידישע אחדות איז, ווי אויבן באמערקט, תורה און מצוות.

אויב אין אלע צייטן איז געווען גאר ניט לייכט צו דערגרייכן אחדות, איז די דאזיגע פראבלעם פיל מער קאמפליצירט געווארן אין די היינטיגע צייטן פון ״פרייהייט״ אין די ״פרייע״ לענדער, וואו מענטשן זיינען ניט באשרענקט ווי אמאל אין באצוג צו זייער וואוינארט, באשעפטיקונג, דער-ציאונגס-אנשטאלטן, מיינונגען, השקפות, אא״וו.

אט די אלע פארשידנארטיקייטן און צעשפליטערונגען – געאגראפישע, סאציאלע, קולטורעלע, אד״ג – זיינען די ״ביי-פראדוקטן״ פון דער היינט-צייטיגער ״פרייהייט״. די ביי-געשאפענע אומשטענדן האבן געשאפן נייע פראבלעמען און שוועריקייטן, וועלכע מוזן אבער באטראכט ווערן אלס ארויספאדערונגען. מיט א פאסנדן צוגאנג און פעסטן ווילן קענען זיי געלייזט ווערן.

איך האף, אז די היי-יארדיגע קאנווענשאן פון נשי ובנות חב״ד וועט ווידמען די נויטיגע אויפמערקזאמקייט צו די דערמאנטע פראבלעמען און זייער לייזונג, ניט אונטערשאצנדיג דערביי די פיל-פאכיגע פליכטן און ווייט-גרייכנדע מעגלעכקייטן פון אידישע פרויען בכלל, און פון נשי ובנות חב״ד בפרט. ווארום דאס איז דאך זיכער, אז די פליכטן וואס די השגחה עליונה לייגט ארויף זיינען קיינמאל ניט איבער די כוחות און מעגלעכקייטן וואס די השגחה עליונה גיט, כדי זיי דורכצופירן אין לעבן.

דער עיקר איז, אז די קאנווענשאן זאל ברענגען צו פארגרעסערטע און אויסגעברייטערטע פעולות, ווייל מעשה הוא העיקר, און דער אויבערשטער זאל העלפן אז מ׳זאל טאן און אויפטאן אין דער פולסטער מאס, לויט די פולסטע מעגלעכקייטן, און מתוך שמחה וטוב לבב.

בברכה להצלחה ולבשורות טובות
ברוחניות ובגשמיות גם יחד